גליון כז׳ שנה א׳

פרשת נצבים וילך
תשפ״ו

# בחור'ן

חיזוק, עצה און הדרכה פאר די ימי הבחרות

## בריוו פון דער ראש ישיבה

### שאלה: בין א נאך א ברלסב׳ער חסיד אויב איך קען נישט קומען קיין אומאן?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א

איך גלייב ברוך ה׳ אין די הבטחות פון הייליגן רבי׳ן וועגן קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, אבער למעשה האב איך געהאט דאס יאר גאר גאר א שווערע יאר, איך האב ניטאמאל געהאט די מינימאלע זאכן צום לעבן, איך בין א היימלאזער, איך האב נישט געהאט ווי צו שלאפן רוב יאר, קיין אין פרנסה האט זיך מיר נישט אויסגעארבעט, און נאך פיל מער פראבלעמען.

סתם א יאר וואלט איך געפארן אלס חלק פון די געוואוינהייט און תשוקה, אבער דאס יאר קוקט אויס אז איך וועל דארפן בארגן אדער נעמען פון וואוקגעלייגטע געלט צו קענען פארן, דארף איך מער חיזוק.

הונדערטער מאל האב איך געהערט פונעם ראש ישיבה שליט״א אז מען דארף קוקן וואס מען האט אין די האנט, איך גלייב אין אומאן, אבער עס קוקט מיר אויס אז פאר מיר איז עס נישט אזוי פשוט, אפשר איז עס מיינע עבירות און מיינע אויגן, אפשר איז דא אנדערע זאכן וואס האלט עס צוריק, ווי אזוי קען איך וויסן?

איך וואלט זיך זייער געפרייט אויב דער ראש ישיבה שליט״א קען מיר אויפפרישן. אז איך שרייב וועגן, מיינט דאס אז בעצם וויל איך יא קומען אויף אומאן.

יישר כח

### תשובה

טייערער ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

#### ווער עס איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה דארף זיך זייער פרייען

ערשטנס דארפסטו זיך זייער פרייען אז דו האסט זוכה געווען זיין ביים רבי'ן אין אומאן, ווייל זייט בריאת העולם איז נישט געווען א צדיק וואס זאל צוזאגן מיט אזא שטארקע צוזאג און מיט צוויי עדות אז ווער עס וועט קומען צו זיין ציון און געבן א פרוטה לצדקה לזכותו און זאגן די תיקון הכללי, "**אֲפִילּוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו**" - וועט ער אים א טובה טון, און ביי די פיאות וועט ער אים ארויסשלעפן פון שאול תחתית, און אז דו האסט זוכה געווען צו זיין אין אומאן ביים הייליגן רבינ'ס ציון און זאגן די צען קאפיטלעך תהילים - האסטו די הבטחה פון רבי'ן אז ער וועט דיך מתקן זיין.

#### קום צום רבי'ן קיין אומאן

יעצט צוריק צו דיין פראגע וואס דו פרעגסט אויב עס לוינט דיר זיך אנצושטרענגען נאכאמאל צו קומען קיין אומאן, נאכדעם וואס דו ביסט אריבער א שווערע יאר וכו' וכו'; אודאי און אודאי לוינט זיך נאכאמאל צו קומען קיין אומאן, ווייל אפילו פון יענע וועלט, פון עולם האמת - זאגט רבי נתן וואלט איך מסכים געווען נאכאמאל אריבערצוגיין די עונש פון מגולגל ווערן, אבי צו קענען נאכאמאל זיין ביים רבינ'ס ציון, זאגן די צען קאפיטלעך תהילים; הער ווערטער, מוהרנ"ת זאגט, ער איז גרייט נאכאמאל אראפצוקומען אויף די וועלט אויב וועט ער קענען נאכאמאל זיין אין אומאן, ווער רעדט נאך פון זיין אין אומאן אויף ראש השנה; איז זיכער מען זאל אלעס טון אבי צו קענען זיין אין אומאן. ווייל דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, "**וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר, כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה**", און עס איז מיר א וואונדער אויף די מענטשן וואס גלייבן אין מיר, און זיי זענען מקורב צו מיר, פארוואס זאלן זיי

נישט מודיע זיין פאר אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה? קיינער טאר נישט פעלן, ווייל מיין גאנצע זאך איז ראש השנה".

### ראש השנה שלי...

ווען איז דען נישט שווער צו פארן קיין אומאן? יעדן איז שווער די נסיעה, אבער אז דער רבי האט געזאגט (שם, סימן תה): "**הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה; לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי**", איך האב באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן, אז איך ווייס וואס איז 'ראש השנה', און נישט נאר ענק, נאר די גאנצע וועלט איז געוואנדן אין מיין ראש השנה, און נאך האט דער רבי געזאגט (שם, סימן תו): "**שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן, אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים, כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת**", ראש השנה קען איך יעדן איינעם העלפן, אפילו מענטשן וואס איך קען זיי נישט מתקן זיין א גאנץ יאר; נאכן הערן אזעלכע לשונות פון רבי'ן איז ווערד איבער צו טאנצן אלע שוועריקייטן אבי צו זיין נאכאמאל אין אומאן אויף ראש השנה.

### דער צדיק איז מגין

דאס וואס דו ביסט אריבער א שווערע יאר, דאס דארף דיך מער שטופן צו קומען דעם ראש השנה אין אומאן, ווייל דו זעסט דאך ווי שווער די יאר איז דיר אריבער, איז וואסווארט אונז אפ דעם קומענדיגן יאר... דארף מען ערשט יעצט לויפן צום צדיק זאל זיין פאר אונז א מליץ יושר, מיר זאלן האבן א גוט געבענטשט יאר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## התחזקות פון דער ראש ישיבה שליט"א

לכבוד... נ"י,

מען גרייט זיך שוין צום גרויסן יום הדין ראש השנה, מיר פארן קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן; "אלעס דארף מען פאלגן דעם צדיק" - זאגט דער רבי, "אויסער דאס וואס ער זאגט נישט קומען צו אים אויף ראש השנה, דאס פאלגט מען נישט".

מאך זיך א קביעות יעדע נאכט זיך צו מתבודד זיין פאר צען מינוט. פאלג דעם רבין בתמימות ופשיטות, וואס האט אונז געזאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן נב), "**הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה**", מען זאל זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן ביינאכט, "**וְהַמְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי**", מען זאל גיין אין א שטילע פלאץ וואו קיינער געפינט זיך נישט דארט, "**הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ**", קומט מען צו די מדריגה אז מען ווערט בטל צום אייבערשטן, מען ווערט נכלל אינעם אייבערשטן, מען וויל שוין גארנישט, מען דארף גארנישט - נאר דעם אייבערשטן.

ליבער ברודער פאלג דעם רבי'ן, גיי אין א ווינקל, אין א שטילע פלאץ און זאג: "**אייבערשטער איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין נאנט צו דיר, איך וויל זיין הייליג. הייליגער באשעפער, דער יצר הרע ברענט אין מיר און ווארפט מיך אראפ נאכאמאל און נאכאמאל, איך קען זיך נישט קריגן מיט אים, העלף מיר**".

אזוי זאלסטו יעדן טאג טון, שרייען און שרייען; ווייל מיט די עצה פון התבודדות ותפילה - רייניגט מען די שלעכטע בלוט, מען רייניגט זיך פון די שלעכטע מידות, מען ווערט א גרויסער צדיק.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

## בין כותלי הישיבה

**כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך...**

**עס קומט א נייע יאר, לאמיר זיך מקבל זיין א גוטע קבלה אין כיבוד אב ואם. אפשר זאל מען זיך מקבל זיין נישט זיך צו טענה'ן מיט'ן טאטן און מיט דער מאמען? וואס "נעמסטו" זיך פאר אינעם נייעם יאר?**

**מיר גייען דאך אלע יעצט בעטן ביים נייעם יאר די זאכן וואס מיר דארפן, דארפן מיר דאך מיט דעם עפעס מקבל זיין...**

**צו הערן די גאנצע שיעור:**
**212-444-9191 דערנאך: 1|2|1|12|2|93**

## קורץ און שארף

"ראש השנה שלי עולה על הכל. ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס!"

(חיי מוהר"ן, תג)

קול ברסלב - שיעורים | חיזוק יומי | ניגונים | שמועסן| מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191\ 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 | ענגלאנד 03303502361 | קאנאדא 4383008080 | בעלגיע 3235003461 | ארגענטינע 11552354370